בס"ד

דער בלעטל אויף אידיש

# טיב הקהילה אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

לך-לך
יא חשון תשפ"ג

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:12 |
| מוצש"ק | 5:25 |
| ר"ת | 6:04 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 754 | סוז"ת א' | 9:04 |
| סוזק"ש ב' | 8:38 | סוז"ת ב' | 9:33 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': ג

## טיב המערכת

### ◆ וישא לוט את עיניו ◆

עס איז אמאל געווען א בחור, וואס יונגערהייט האט געוואוינט בשכינות צו אים אן עושר וועלכער האט געהאט א גרויסער שיינער הויז אנגעפילט מיט די שענסטע און בעסטע כדרך העשירים. דאס קינד איז געזעצן שעות לאנג און געחלומט און פאנטאזירט אז ווען ער וועט זיין גרויס וועט ער האבן פונקט אזא הויז...

יארן זענען אריבער, און דער קינד איז גרויס געווארן, אבער פון זיין חלום האט ער פאר קיין רגע נישט פארגעסן, ער האט זיך געפלאנט און געמוטשעט מיט פארשידענע ארבעט און געשעפטן יארן לאנג, ביז דער אויבערשטער האט אים געהאלפן און ער האט זיך געקויפט א שיינע הערליכע הויז. דער חלום איז מקוים געווארן! אזוי איז דורכגעגאנגען א קורצע צייט, אבער צו זיין גרויס וואונדער האט דער מענטש געזען, אז כאטש ער האט דערגרייכט זיין ציל, איז ער נאך אלץ ווייט פון צו זיין גליקליך. נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, האט ער זיך ווייטער געפלאנט א לאנגע צייט ביז ער האט זיך געבויט א הערליך שיינע ווילא ווי עס איז געווען אלע פארגעניגנס און מעדני מלכים. דאסמאל איז ער שוין זיכער געווען אז ער וועט אמת'דיג פרייליך זיין, און ווירקליך די ערשטע שטיק צייט איז נישט געווען מער קיין גליקליכער פון אים, אבער אויך יעצט, האט ער געזען אין א קורצע צייט ארום אז נישט דאס איז דער גליק צו וועלכער ער האט געהאפט.

צו זיין גרויס צער האט ער שוין אבער מער נישט געקענט זיך פלאנען און לאזן בויען א שענערער הויז דערפון, ווייבאלד ער שוין געווען אלט און מער נישט

>>> הפשך בעמוד ב' | >>>

## טיב הפרשה

### "פארוואס גייט עס מיר אזוי שווער? פארוואס קען איך נישט לעבן א גליקליכער לעבן ווי אנדערע?".

מער ווי איינמאל הערט מען מענטשן רעדן אזוי. מען רעדט און מען באקלאגט זיך אויף זייער ביטערע מזל. זיי פרעגן און זיי ווילן פארשטיין פארוואס איז אנגעשריבן אזוי.

א איד גלייבט אז אלעס פירט זיך פון אויבן. אז קיין שום זאך קומט נישט אן צו אים סתם אזוי. אז יעדער זאך האט א חשבון און ווי חז"ל לערנען אונז אויס אז אין יסורין בלא חטא, אבער צומאל ווען מען טרעפט זיך אין א שווערע מינוט, האט מען נישט די קאפ אויפ'ן פלאץ צו קענען אויסרעכענען וועלכע עבירה מען איז באגאנגען אז מען זאל ליידן דערויף אזעלכע עונשים, מען טרעפט נישט די סיבה דערצו און מען קען צומאל האבן טענות אויפ'ן בורא כל העולמים, פארוואס עס גייט מיר אזוי שווער אויף די וועלט?

א שטיקל מהלך אויף דעם שניט טרעפט מען אין די וואכענדיגע סדרה און נאכ'ן מקדים זיין אז מיר האבן נישט די מינדעסטע השגה אין די מעשים פון אונזערע הייליגע אבות און אז די סיבה פארוואס מיר שרייבן איז נאר, ווייל די תוה"ק האט פאר אונז געשריבן זאכן אז מיר זאלן זיך לערנען פון דעם, לאמיר צוטרעטן צום ענין.

די ערשטע נקודה איז וואס חז"ל זאגן פארוואס עס איז נגזר געווארן פאר כלל ישראל צו גיין 400 יאר אין גלות. דערויף זאגן אונז חז"ל אז עס איז געקומען אויף אברהם אבינו פאר אן עונש, נאך דעם וואס ער האט געפרעגט פאר השי"ת די שאלה, במה אדע כי אירשנה?

די שאלה פון אברהם אבינו זעט אויס א פשוט'ע שאלה. ער האט בסך הכל געוואלט וויסן ווי אזוי ער קען זיין זיכער אז זיינע קינדער וועלן באקומען די ירושה, אבער דער עונש דערפאר איז געווען זייער הארב. די סיבה דערצו איז ווייל אויך די מינדעסטע דיבור קעגן די התנהגות פון השי"ת, כאילו אז עס איז נישט דא קיין דין ודיין, איז זייער א הארבער זאך אין הימל.

עס איז א לימוד פאר אונז און פאר די שפעטערדיגע דורות אז מען זאל וויסן ווי הארב מען קוקט עס אן אין הימל. אז אויך פאר אזא קליינע און נישטיגע פראגע, אויב עס רירט אן די נושא פון אמונה, איז מורא'דיג הארב אין הימל.

עס דוכט זיך אמאל פאר א איד אז ער איז אויסגעארבעט אין אמונה. עס קוקט אים אויס אז ער איז שוין דורי דורות א מאמין און ער קען גרינגערהייט עומד זיין אין א נסיון, אבער מען זאל עס נישט נעמען גרינג.

זאל השי"ת געבן אז מיר זאלן קיינמאל נישט ווערן אויסגעפרואווט מיט א נסיון אבער ווען עס קומט צו אונז און מען באגעגנט זיך מיט שוועריגקייטן און עס הייבט אן צו ווערן ביטער אויפ'ן הארצן, אז מען זעט נישט קיין סוף, קען מען חלילה נכשל ווערן מיט'ן ארויסרעדן ווערטער און זיך מתמרמר זיין פארוואס גייט עס מיר אזוי שווער און רעדן ווערטער וואס זענען קעגן די אמונה ה'".

מען טרעפט אין חז"ל אז די הייליגע חכמים זענען געווען זייער נזהר אין דעם נושא. איינער פון די תנאים האט זיך אפגעהאלטן פון גיין מנחם זיין אבלים זאגנדיג אז ער האט מורא אהין צוגיין, ווייל מען קען דארט הערן א ווארט, א געדאנק וואס איז קעגן די אמונה. אין אזא ארט קען מען צומאל האבן א טענה, אדער הערן ווי מען רעדט אז אויב מען וואלט אזוי און אזוי געטון, וואלט דער מצב געווען בעסער און פון גרויס פחד אז עס זאל זיך נישט אנקלעבן אין אים אזא זאך, האט ער זיך מונע געווען אהין צו גיין.

נאך א מורא'דיגע זאך זעען מיר אין די וואכענדיגע סדרה. דער הייליגער רמב"ן אויף די ווערטער 'ותענה שרי ותברח מפניה' זאגט אז ווייל שרה אמנו האט געפייניגט ישמעאל האט השי"ת צוגעפירט אז ער זאל זיין א פרא אדם און קענען פייניגן די קינדער פון שרה אמנו די אלע יארן און אנטון פאר זיי גרויסע צרות.

אויף דער סיפור איז א לימוד פאר אונז. עס קומט

>>> | הפשך בעמוד ב' |

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רביטוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

>>> | טיב הפרשה | המשך מעמוד א' |

אונז אויסלערנען ווי ווייט מען דארף זיין געווארענט אין דער כבוד פון א צווייטן.

ווען מען מ'מאכט א חשבון וויפיל ביטערע צרות כלל ישראל האט במשך די דורות זיך אנגעליטן פון די ישמעאלים און וויפיל מען ליידט נאך היינט און אז אלעס איז אונז געקומען בלויז צוליב דעם, ווייל שרה אמנו, האט פוגע געווען אין הגר, זעט מען פון דעם ווי הארב עס איז וויי צו טון א צווייטן איד און ווי גרויס און ווי ביטער דער עונש דערפאר קען זיין.

איך געדענק אז איך בין אמאל געווען ביי דער צדיק און גאון רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל און גערעדט מיט אים איבער אידן וואס ליידן און מאכן אזויפיל מיט און זיי ווילן וויסן פארוואס זיי ליידן אזויפיל. דער צדיק האט מיר געזאגט מיט א זיכערקייט אז אויב עס רעדט זיך פון אזעלכע עונשים נעמט זיך עס פון דעם אז זיי האבן מצער געווען א צווייטן איד און יענער היט אויף זיי א טינא בלב, אדער א קפידא.

דער גאון האט דערביי צוגעלייגט אז אויב די אידן זענען זיכער ביי זיך אז זיי האבן קיין איינעם נישט פוגע געווען אין זייער לעבן קען עס רואיג זיין אז עס נעמט זיך פון דעם אז זייערע עלטערן האבן אמאל עובר געווען אויף אזא עבירה.

די בחינה זעט מען טאקע ביי שרה אמנו. מען האלט שוין היינט כמעט צוויי טויזנט יאר אין גלות און מען ליידט נאך צרות פון די בני ישמעאל און ווי געשריבן נעמט זיך דאס אלעס פון די דערמאנטע מעשה פון הגר, לויט ווי עס שרייבט דער הייליגער רמב"ן.

ווי געזאגט אין אנהייב זענען מיר נישט דן די מעשים פון די אבות הק' אבער אזוי ווי מיר גלייבן אז די תוה"ק שרייבט עס פאר א לימוד פון אונז נעמען מיר ארויס פון דעם דער לימוד וואס עס איז נוגע פאר אונז אין די היינטיגע וועלט.

יהי רצון אז מיר זאלן ניצול ווערן פון אלע שוועריגקייטן און אויך פון די צרות.

>>> | טיב המערכת | המשך מעמוד א' |

געהאט קיין כח דערצו. דעמאלטס האט דער מענטש פארשטאנען אז ער האט געהאט א ביטערע טעות, פארברענגענדיג די מערהייט פון זיינע יארן זיך יאגנדיג נאך א תאוה וואס האט זיך באזעצט אין זיין הארץ, טראכטנדיג אז דורך איר וועט ער אנגעקומען צו זיין גליק, אבער יעצט אויף דער עלטער זעט ער אז ער האט גארנישט, נישט קיין גליק, און אויך זיין גלוסטעניש האט ער נישט באפרידיגט.

ווען לוט האט זיך אפגעשיידט פון אברהם און איז געגאנגען וואוינען אין סדום, האט ער נאכנישט געוואוסט וואו ער גייט, נאר ער איז געגאנגען נאך זיינע אויגן און זיינע גלוסטענישן. שפעטער האט ער געזען אז 'ואנשי סדום רעים וחטאים לד' מאוד', ער איז שוין אבער געווען אינגאנצן איינגעזינקען אין די תאוות פונעם פלאץ. צום סוף האט ער געזען מיט די אויגן ווי דער אויבערשטער פארלענדט דער ארט, און דעמאלטס האט ער פארשטאנען אז אויף תאוות באצאלט מען א טייערן פרייז.

מיר געפינען זיך אין א דור וואו די תאוות זענען זייער פיל, מען רופט עס "דור השפע", עס פעלט גארנישט אין אונזער דור, ווער עס הייבט נאר אויף זיינע אויגן צו קוקן און זען וואס עס טוט זיך אין אונזער וועלט, קען פארבלענדט ווערן פון אזויפיל תאוות וואס איז דא צו באקומען אין יעדן זאך וואס זאל נאר זיין. דאס איז דער שטייגער פונעם יצר וועלכער טוט צוטומלען דעם מענטש מיט שלעכטע תאוות און לאזט נישט קיין מנוחה פארן מענטש, כדי ער זאל זיך נישט אפשטעלן און זען וואו ער געפינט זיך. די עצה דערצו איז זיך אפצושטעלן, זיך צו פארמאכן די אויגן און געדענקען אז אויף אלע תאוות באצאלט מען צום סוף א טייערע פרייז.

(עפ"י טיב התורה-לך לך)

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

דורך די לייענערס

## א 'שווייגן' וואס איז ווערד 'גאלד'

ווען די צוויי מיידלעך פון צוויי נאנטע משפחה מיטגלידער זענען אריבערגעגאנגען צו די ביורא'ען פון די מוסד אויף אן ארבעטס אינטערוויאו האבן די הערצער פון ביידע געפלאטערט מיט צאפעלניש.

ביידע פון זיי האבן געהאלטן ממש נאכ'ן ענדיגן זייערע לערנונג און האבן געהאפט אז זיי וועלן יעצט קענען נוצן זייער קענטעניסן און מאכן פון דעם א פרנסה.

די צוויי, זענען געווען נאנטע משפחה מיטגלידער, זייערע נעמען איז געווען אייניג, ווען דער איינציגסטער חילוק איז געווען אין דער אדרעס וואו זיי וואוינען.

די ארבעט אינטערוויאו איז פארביי און די הנהלה פון די שולע האט זיי געזאגט אז איינע פון זיי, די וואס וועט ווערן אנגענומען צו די ארבעט, וועט דערהאלטן אן ענטפער אין די פאָסט, אז זי איז געווארן אנגענומען צו די ארבעט.

צוויי וואכן איז אריבער פון די מעשה. די הנהלה האט אויסגעוועלט איינע פון זיי און אריינגעשיקט פאר יענעם אן ענטפער אז זי איז געווארן אנגענומען צו די ארבעט.

אבער דער פאסט מאן, וועלכער האט געדארפט זיין דער שליח איבערצוגעבן פאר איינער פון זיי די ענטפער האט זיך פארמישט. אז ביידע האבן געהאט די זעלבע נעמען און האבן געוואוינט אין איין געגענט האט ער איבערגעגעבן דער בריוו פאר די צווייטע, נישט דעם וועמען מען האט באמת אנגענומען צו די ארבעט.

די צווייטע האט דערהאלטן די בריוו. זי האט נישט געוואוסט איבער דער טעות וואס דער פאסטמאן האט געמאכט און האט זיך געפרייט מיט די גוטע בשורה.

א שטיק צייט איז פארביי און די ערשטע - די מיידל וואס מען האט ארגינעל אנגענומען האט זיך דערוואוסט וואס דא איז פארגעקומען אבער אנשטאט צו מאכן א רעש דערוועגן האט זי געמאכט דערפון א שווייג.

גייענדיג מיט דער מאמר חז"ל אז אין אדם נוגע במה שמוכן לחברתה כמלוא נימה האט זי באשלאסן אז זי גייט גארנישט זאגן פאר איר קרובה און איר לאזן ווייטערגיין מיט אירע פלענער.

עס האט נישט געדויערט לאנג און מען האט איר פון הימל נישט פארלאזט. א וואך דערויף איז זי געווען ביי א משפחה שמחה און דארט האט זיך איינער אינטערעסירט ביי איר צי זי האט ארבעט. הערנדיג אז נישט האט זי איר אנגעטראגן א נייע ארבעט, צו וואו זי איז עווענטועל געווארן אנגענומען.

די נייע ארבעט האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין אסאך בעסער פון די ערשטע ארבעט. עס האט געהאט בעסערע באדינגען און די געהאלט איז געווען דריי מאל אזויפיל ווי די ערשטע פארשלאג.

זי האט נאר פארדינט פון שווייגן...

•-•-•

## 'ירושלים' אדער 'אפריק'

עס איז געווען אביסל נאך די ששת הימים מלחמה ווען ר' יצחק האט ערב סוכות זיך ארויסגעלאזט קיין יריחו וואו עס איז דא אסאך טייטלביימער זיך אויסזוכן א גוטער לולב.

די געמיטער זענען געווען גוט אנגעצויגן אבער אז מען איז געפארן מיט א גרופע און צו א באשטימטער פלאץ האט מען געהאפט אז עס וועט אריבערגיין בשלום.

מען האט אויסגעוועלט אסאך לולבים און מען האט זיך צוריק ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג אבער דא האט פאסירט אז דער טראק וואס האט אונז געדארפט אפנעמען אהיים איז געבליבן שטעקן אונטערוועגנס און עס איז געווען אן ערנסטער חשש אז מיר גייען דא בלייבן שטעקן א גאנצער נאכט.

דער פחד איז געווען אויסטערליש גרויס. דא שטייט מען אינמיטן אן אראבישער דארף און פאלט צו דער נאכט. אין יענע יארן איז נאכנישט געווען קיין סעלפאונס, עס איז נישט געווען וועמען צו אלאמירן און מען האט געציטערט אויפ'ן ערגסטן.

פון צייט צו צייט איז אריבערגעפארן אידישע קארס. מען האט געשריגן 'ירושלים' אבער קיין איינער האט נישט אנגערופן.

מען האט מתפלל געווען מעומקא דליבא און נאך א לענגערע שטיק צייט פון לעבן מיט שרעק האט דער נס פאסירט. אן אידישער קאר האט זיך אפגעשטעלט און אונז ארויפגענומען אויפ'ן קאר.

זיצנדיג אויפ'ן קאר און נאכ'ן אפאטעמען פון די גרויסע שרעק האט ר' יצחק א פרעג געגעבן דעם דרייווער וואס האט צוגעברענגט אז ער זאל זיך אפשטעלן.

"איך האב געשריגן ירושלים". האט ר' יצחק געזאגט.

"און איך האב געהערט ווי דו שרייסט 'אפרים' און כ'הייסט דאך אפרים און הערנדיג ווי איינער רופט מיר האב איך זיך געגעבן א שטעל אפ". האט ער דרייווער געגעבן צו פארשטיין וואס האט צוגעברענגט זיך אפצושטעלן.

די מעשה פלעגט דערציילן מיין מלמד און אויסגעפירט אז ווען עס איז באשערט אז די ישועה זאל קומען צוגיין קען עס אויך קומען צוגיין אין א וועג, אז מען זאל נישט הערן גוט און מען זאל זיין דער ריכטיגער שליח פון הימל צו ברענגען די דערווארטערטע ישועה.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס

אין פקס: 15326517922

• § • § •

# טיב המעשיות

"ויאמר אברם, ה' אלקים, מה תתן לי ואנכי הולך ערירי וגו'. והנה דבר ה' אליו לאמר, לא יירשך זה, כי אם אשר ייצא ממעיך הוא יירשך. ויוצא אותו החוצה, ויאמר: הבט נא השמימה, וספור הכוכבים וגו', ויאמר לו כה יהיה זרעך. - והאמין בה' ויחשבה לו צדקה" (טו, ב-ז).

עס האט מיר דערציילט אַן איש נאמן, א געוויקטער ריבניצער חסיד, אז אסאך יארן נאך זיין חתונה האט ער נישט זוכה געווען צו האבן קינדער, און זייענדיג גאר א נאנטער תלמיד מובהק צו זיין רבי'ן, דער הייליגער ריבניצער צדיק זי"ע, פלעג ער זיך כסדר מזכיר זיין פאר ברכת הבנים, און דער צדיק האט אים געוואונטשן אז דער אויבערשטער זאל אים העלפן.

אזוי זענען די יארן דורכגעאנגען, ווען דער חסיד הערט נישט אויף נאכאמאל און ווידעראמאל צו בעטן און מזכיר זיין, און דער רבי זעצט פאר מיט זיינע ברכות פאר א ישועה - אלס א געטרייער חסיד איז אים קיינמאל נישט ארויף אויפן געדאנק, מהרהר צו זיין נאכן רבי'ן און נאכקוקן צו זיינע ברכות ווערן מקוים אדער נישט, און פארוואס ער איז נאכנישט זוכה צו זען זיין ישועה, אזוי ווי דער רבי וואונטשט אים אלעמאל. ער האט נאר ווייטער געטון זיינס בתמימות, און ווייטער געבעטן און זיך מזכיר געווען. אויך דער רבי פון זיין זייט האט דערפון נישט געמאכט ספעציעל קיין עסק, און נאר געענטפערט מיט א ברכה יעדן מאל ער האט זיך מזכיר געווען.

ויהי היום, מיט פילע יארן שפעטער איז אים געבוירן געווארן א טאכטער. זעלבסטפארשטענדליך אז די שמחה איז געווען זייער גרויס, ביי אים און אויך ביים רבי'ן. זי איז געווען ממש א געראטענע קינד, און האט זייער מצליח געווען אין אלע געביטן, אירע עלטערן האבן געהאט פון איר גרויס הנאה און נחת.

מיט יארן שפעטער, ווען די טאכטער האט שוין חתונה געהאט און ער האט שוין געהאט פון איר עטליכע אייניקלעך, איז אמאל געווען א שעת הכושר און עת הרצון ביים הייליגן ריבניצער, ווען פלוצלונג האט זיך דער צדיק געוואנדן צו אים, און מיט א ברייטן שמייכל אויף זיין הייליג געזיכט, האט ער אים א פרעג געגעבן: געדענקסטו אפשר וויפיל מאל דו האסט מיר געבעטן קינדער, און וויפיל מאל איך האב דיר געגעבן א ברכה דערויף? - ניין! האט דער חסיד געענטפערט אין פארלעגנהייט, איך האב נישט געציילט וויפיל מאל, אבער דאס געדענק איך גוט, אז זייער אסאך מאל האב איך געבעטן דערויף, און יעדן מאל האט מיר דער רבי געגעבן א ברכה...

און וואס וועסטו יעצט זאגן? - האט דער רבי געפרעגט מיט א שמייכל, איר זענט דאך שוין חתונה געהאט צענדליגער יארן, און איר האט נאכנישט זוכה געווען צו א בן זכר! דער חסיד, וועלכער האט גוט פארשטאנען זיין רבי'נס שפראך, האט עס נישט אנגענומען אזוי ווי סתם עפעס א ווערטל... ער איז געווארן זייער ערנסט, און האט געפרעגט דעם רבי'ן מיט תחנונים: טאקע רבי, ווען וועל איך שוין זוכה זיין צו א בן זכר? [זיי זענען שוין געווען נאנט צו די זעכציג...].

דעם רבי'נס געזיכט איז פלוצלונג רויט געווארן, און ער איז אריין א געוואלדיגע דביקות, און מיט א פלאם פייער האט ער אים געענטפערט: ווען דו ווערסט גלייבן, וועסטו האבן! - און אזוי איז טאקע געשען, צו יעדנ'ס וואונדער, איז זיי צום יאר געבוירן געווארן א בן זכר, געזונט און שטארק. וַתֵּהֹם כָּל הָעִיר.

[מתוך שיחה פרטית ח"י תמוז תשע"א לפ"ק]

-> • <-

איך האב געזען א מעשה נפלא, וואס איז געשען ביי איינער פון די ערשטע חסידים פונעם הייליגן בעל התניא זצוק"ל, וועלכער האט געהייסן "רבי גבריאל נושא חן". דער ליובאוויטשער רבי זצ"ל ברענגט אים אין א בריוו, אין נאמען פון זיין שווער כ"ק אדמו"ר מוהריי"צ זצוק"ל, און ווי זיין שטייגער - אויך דער הוראה למעשה וואס מען לערנט זיך פונעם מעשה (עי' לקו"ש ח"ד ע' 281).

רבי גבריאל איז געווען איינער פון די חשוב'ע בעלי בתים אין די שטאט וויטעבסק. און אט איז געווארן פינף און צוואנציג יאר פון זייער חתונה, און זיי זענען נאכנישט געהאלפן געווארן מיט קינדער. - אויסערדעם, אין יענער צייט האט ער דורך פארשידענע רדיפות, פארלוירן זיין פארמעגן, רחמנא ליצלן.

א גרויסן עגמת נפש איז געווען פאר רבי גבריאל, אז ער האט זיך נישט געקענט משתתף זיין אינעם מגבית "פדיון-שבויים" וואס דער הייליגער בעל התניא האט געמאכט, און האט נישט געקענט איבערגעבן פאר די שלוחים די סומע וואס דער רבי האט פאר אים באשטימט צו געבן.

ווען זיין אידענע האט אויסגעפינען דערפון, זייענדיג א תמימות'דיגע און ערליכע פרוי, איז זי שטילערהייט געגאנגען און האט פארקויפט איר פערל-קייט, מיט נאך אייניגע צירונגען וואס זי האט געהאט, ביז עס האט זיך צוזאמגעקליבן ביי איר דעם גאנצן סומע. די מטבעות וואס זי האט באקומען פאר אירע צירונגען, האט זי אויסגעפוצט און געריבן ביז זיי האבן געגלאנצט און געשפיגלט, און דערביי האט זי געבעטן א תפילה פארן אויבערשטן אז אויך זייער מזל זאל שיינען... די מטבעות האט זי איינגעוויקלט אין א שיינעם זעקעלע, און עס איבערגעגעבן פאר איר מאן אז ער זאל עס איבערגעבן פארן רבי'ן, דער הייליגער בעל התניא.

רבי גבריאל האט זיך זייער געפריידט מיט די ערליכקייט פון זיין ווייב און איר קלוגשאפט, און וויבאלד די שלוחים האבן שוין פארלאזט די שטאט און געפארן ווייטער, איז ער אליין ארויסגעפארן צום רבי'ן קיין ליאזני, כדי צו געבן זיין טייל אין די מצוה.

אריינגייענדיג אל הקודש פנימה אויף "יחידות", האט רבי גבריאל אראפגעלייגט דעם פעקל געלט אויפן טיש, און לויטן אנווייזונג פונעם רבי'ן האט רבי גבריאל געעפנט דעם בינטל, און אראפגעלייגט דעם אינהאלט אויפן טיש, און אט האט דער צימער אויפגעלאכטן פונעם שיין פון די געגלאנצטע מטבעות!

דער אלטער רבי האט זיך אביסל פארטראכט בדביקות, עס איז געווען קענטליך אויף אים אז ער איז באגייסטערט געווארן פונעם געוואלדיגן מעשה הצדקה, וויבאלד ער האט גוט געוואוסט דער מצב פון די משפחה. נאכן זיך אויפוועקן פון זיין דביקות, האט דער רבי געזאגט: פון די גאלד, זילבער און קופער וואס די אידישע קינדער האבן מנדב געווארן פארן משכן, האט קיין שום זאך נישט געגלאנצט און געשפיגלט, אויסער דער כיור און די פיסל דערפון, וועלכע זענען געמאכט געווארן פון די מראות הצובאות, די שפיגלען וואס אידישע פרויען האבן מנדב געווען במסירת נפש און מתוך שמחה. דערצייל מיר רבי גבריאל, וויאזוי זענען אט די ערליכע גלאנציגע מטבעות אנגעקומען צו דיר?

רבי גבריאל האט געמוזט דערציילן פארן רבי'ן איבער זיין געוואלדיגע עגמת נפש, אז ער האט נישט געקענט שטיין אינעם סומע וואס דער רבי באשטימט פאר אים, און ווי זיין ווייב - רבקה בת ביילא - זעענדיג זיין גרויסן צער, האט זיך צוגעשטעלט מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט, דורכן פארקויפן איר

המשך בעמוד הבא

אייגענע צירונגען.

ווען דער הייליגער רבי האט דאס געהערט, האט ער אנגעלאנט זיין קאפ אויף זיינע הענט, און זיך נאכאמאל פאר'דביקות'ט א שטיק צייט. ווען ער האט אויפגעהויבן זיין הייליגן קאפ האט זיין געזיכט געשיינט מיט א הערליכן שיין, און מיט גרויס שמחה האט ער געוואונטשן רבי גבריאל מיט זיין ווייב, מיט קינדער, מיט אריכות ימים, עשירות און מיט אויסערגעוועינדליכע נשיאת חן. - דערנאך האט ער געהייסן רבי גבריאל אויפגעבן זיינע געשעפטן אין וויטעבסק, און אנהייבן האנדלען מיט איידלשטיינער.

די ברכה פונעם רבי'ן איז מקוים געווארן בשלימות: רבי גבריאל איז זייער שנעל רייך געווארן, א הימלישע אומפארשטענדליכע הצלחה האט אים באגלייט אין אלע זיינע געשעפטן, און אין זייער א קורצן צייט איז ער געווארן איינער פון די גרעסטע סוחרים. וואו ער האט זיך געוואנדן האט ער געטראגן א געוואלדיגן חן אזוי ווי דער רבי האט אים געוואונטשן, און פון דעמאלטס האט אים יעדער גערופן: "רבי גבריאל נושא חן". עס איז זיי געבוירן געווארן א זון און עטליכע טעכטער און פילע אייניקלעך און אור אייניקלעך, און ער איז נפטר געווארן דערלעבנדיג דעם טיפן עלטער פון הונדערט און צען יאר, און זיין ווייב האט נאך מאריך ימים געווען אומגעפער צוויי יאר נאך אים. [די פארצווייגטע "חן" פאמיליע ביי די ליובאוויטשער חסידים, זענען אלע אפשטאמיגע פון דער אויבנדערמאנטער רבי גבריאל].

וואס מיר דארפן זיך לערנען פון אט די מעשה - צווישן אנדערע - איז: אז כאטש די ווערד פון די צדקה מטבעות איז געבליבן ווי פריער, פונדעסטוועגן ווען מען געבט עס מיט מסירת נפש און מיט אן אמת'ע רצון, מיט חשק און אינערליכע שמחה, באקומען די מטבעות א גאר געהויבענעם ווערד, און זיי באלייכטן דער וועלט, און קל וחומר יענער וועלט, מיט א געוואלדיגע ליכטיגקייט.

[טיב המעשה חלק חמישי עמ' יח - מתוך "טיב החסד" פרק ט]

-> • <-

אן אויסערגעוועינליכע געשעעניש איז אנגעקומען צו מיינע אויערן, עפעס וואס האט פאסירט מיט עטליכע יאר צוריק אין ירושלים עיר הקודש.

א חשוב'ער איד, מיקירי קרתא דשופריא, האט אין א מזל'דיגע שעה געענדיגט א שידוך מיט זיין טאכטער. כנהוג, האבן די עלטערן פון די כלה געפראוועט דעם שמחת התנאים ביי זיי אינדערהיים, און איינגעלאדנט דערצו די נאנטע משפחה אז זיי זאלן קומען אין א געוויסע שעה.

נאר, אזוי ווי עס איז דער שטייגער ביי אזעלכע זאכן, געבט מען נישט אזוי אכטונג אויף פונקטליכקייט... [אזוי ווי דער וועלט זאגט בדרך הלצה: "בדיוק" איז ראשי תיבות: ב'יז ד'י י'ודן ו'עלן ק'ומען. - די טישן זענען טאקע אלע געווען גרייט אין די באשטימטע צייט, לכבוד דעם גרויסן שמחה, אבער דער חתן מיט די מחותנים זענען נאכנישט אנגעקומען. האט זיך דער מחותן דער אבי הכלה אוועקגעזעצט אויף זיין ארט, גענומען א ספר אין האנט, און געווארט אז די געסט זאלן אנקומען.

אט איז אנגעקומען א פעטער פונעם חתן, א ברודער פונעם טאטן, וועלכער איז יא אנגעקומען פריער פאר יעדן איינעם. ער איז שיין אויפגענומען געווארן, און האט זיך אוועקגעזעצט אין צימער נעבן דעם אבי הכלה, און האבן געווארט צוזאמען אויף די אנדערע געלאדנטע. - דערווייל האבן זיי אנגעניפט א געשמאקע שמועס... אזוי איז מען צוריקגעגאנגען מיט די יארן, ווער איז דער טאטע און ווער זענען די זיידעס א.א.וו.

אזוי שמועסנדיג, פרעגט איינער דעם אנדערן: וואו האסטו געלערנט אין ישיבה? ווען ער האט באקומען דעם ענטפער מיטן נאמען פון די ישיבה, האט דער אנדערער געזאגט: איך האב דאך אויך געלערנט אין די זעלבע ישיבה! זאג נאר, אין וועלכע יארן האסטו דארט געלערנט? נאך א שנעלן רעכענונג, איז קלאר געווארן אז זיי האבן ביידע געלערנט אין ישיבה אין די זעלבע יארן, אזוי האבן זיי אנגעהויבן דערמאנען אלטע זכרונות פון זייער צייט צוזאמען אין די ישיבה.

פלוצלונג האט זיך דער פעטער דערמאנט פון גאר א טשיקאווע אינטערעסאנטע געשעעניש אין די ישיבה בימים ההם, אין די גוטע צייטן... זאג נאר! - האט ער זיך געוואנדן צום מחותן, געדענקסטו אפשר עפעס א טאג ווען עס איז געווען זייער פריילין אין ישיבה... ווען עטליכע עלטערע בחורים האבן באשלאסן צו טרייבן שפאס פון א בחור אין ישיבה, און האבן אים פארשפארט אין א צימער... דער בחור האט געשריגן און געטאנצט אינעווייניג, און געקלאפט אויפן טיר מיטן גאנצן כח... עס האט אים אבער גארנישט געהאלפן! אלע בחורים ארום האבן געלאכט און ער האט געקלאפט און געשריגן... ס'איז דארט געווען פריילין, נישט אזוי? אזוי גייט עס מיט בחורים...

צו זיין גרויס וואונדער, אבער, איז דער מחותן פלוצלונג רויט געווארן פון בושה, און מיט גרויס ווייטאג האט ער אים אריינגערוימט אין אויער: ווייסטו ווער איז דארט געווען אינעם פאשלאסענעם צימער? איך בין עס געווען, איך בין דארט ארומגעלאפן ווי א געפאנגענע חיה... דאס איז ביי מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון, און כאטש עס איז אריבערגעגאנגען אזויפיל יארן, קען איך נישט פארגעסן דעם געוואלדיגן צער און בושה וואס איך האב דעמאלטס געהאט! עס איז געווען געפערליך! עס פייניגט אים נאך ביזן היינטיגן טאג, און ער קען נישט מוחל זיין דעם בחור וואס האט עס אים געטון...

וואס? אמת'דיג - איז דער פעטער דערציטערט געווארן, איך בין עס דאך געווען, איך האב דיר דארט פארשפארט!!! אויב אזוי, האט זיך דער מחותן אנגערופן, בין איך דיר זעלבסט נישט מוחל בשום אופן! אפילו דו ביסט דער פעטער פון מיין נייער איידעם!!!

דער פעטער איז געווארן שאקירט, און האט אויסגעבראכן אין א ביטער געוויין, אבער וויפיל ער האט זיך פראבירט בעטן ביים מחותן, אז ער אים מוחל זיין, איז עס אים נישט געלונגען. אויפצומארגנס האט ער זיך דורכגערעדט מיט א גרויסן רב מגדולי ירושלים, וועלכער האט אים גע'פסק'נט אז ער מוז טון אלעס כדי אים צו איבערבעטן, אפילו אויב דאס איז פארבונדן מיט אסאך געלט! פעלט דיר עס דען אויס, אזא געפערליכע קפידא אויף דיר? - האט אים דער רב אנגעזאגט - אויב נאך אזויפיל יארן קען עס דער איד נישט פארגעסן, זעט אויס אז עס טוט אים נאך גוט וויי, מוזטו טרעפן עפעס א וועג, און איבערדרייען די וועלט, כדי אים צו איבערבעטן!!!

איז דער פעטער געגאנגען צום מחותן אסאך מאל, נוצנדיג פארשידענע געדאנקען און וועגן, און מיטנעמענדיג מיט זיך נאך מענטשן און גוטע פריינד אזוי ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין רמב"ם (פ"ב מהלכות תשובה ה"ט). ער האט אים ערקלערט אז דאס איז נאר געווען א קינדערישע שריט, און האט אים אויך צוגעזאגט צו געבן א ריזיגע סומע געלט, ביז צום סוף האט דער מענטש מסכים געווען, און האט אים מוחל געווען בלב שלם! זיי האבן געמאכט א קליינע מסיבת 'לחיים', און האבן ביידע געשפירט אז א שווערע שטיין איז זיי אראפ פון הארץ.

פונקט א יאר נאך אט די געשעעניש, איז געבוירן געווארן פארן פעטער, אן ערשטער זון, פינף און צוואנציג יאר נאך די חתונה...

ברוב רחמיו וחסדיו, האט דער אויבערשטער צוגעפירט מיט השגחה פרטית, אז צוזאמען מיט די שמחה פונעם פלומעניק מיטן זעלבן מחותן, זאל אויך געעפנט ווערן די שערי הישועה פארן פעטער, און האט זיי באגעגנט פאר די תנאים, כדי זיי זאלן זיך דערמאנען אלטע זכרונות, און ער זאל אויסגעפינען די קפידא וואס האלט אפ די שפע פון אים. און אזוי זאלן זיי זיך איבערבעטן, און זוכה זיין צו ברענגען א קינד אויף דער וועלט.

מבהיל על הרעיון! וויפיל דארף מען אכטונג געבן נישט צו טשעפען א חבר, און וויפיל קען א קפידא פון א באטראפענעם שעדיגן אזויפיל יארן שפעטער!

אויב וואלט ער נישט אויסגעפינען, וואלט ער זיך געקענט דרייען זיבעציג יאר, איבערקערן א וועלט מיט פראפעסארן מומחים פון אלע זייטן, און אלע תפילות סגולות וואלטן גארנישט געהאלפן. אינדערצייט וואס דער מענטש וואלט נישט געוואוסט, אז איינער וואס וואוינט עטליכע גאסן אוועק, טראגט אזא שווערע קפידא אויף אים... צוליב עפעס א קונץ וואס ער האט געמאכט אין א לאנגווייליגער טאג אין ישיבה... עס איז דאך נורא ואיום! עד היכן הדברים מגיעים! ומידה טובה מרובה.

[מתוך שיחה פרטית ז' אלול תשע"א לפ"ק]


על הברכה יעמדו

התורמים להפצת העלון

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט

לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ יעקב [illegible]

לע"נ מרת הינדל בת [illegible]

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948

גל-פז



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173